# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:32
מוצאי שב"ק.....................6:01

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................אסתר ה'-ו'
בבלי.........................ברכות ח'
ירושלמי................עירובין ל"ח
תוספתא...........כלים מציעא ד'
רמב"ם.....................שכנים ט'

פרשת ויחי, י"ד טבת, שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 16 (430)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וַיַּרְא מְנֻחָה כִּי טוֹב

אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּ אַ יְרִיד מִיט זַיין סְחוֹרָה, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפּ גֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ פָארְן, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַ דֶעכְל אוֹיפְן וָואגְן אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים. אִינְמִיטְן אִיז ר' נָתָן אַרִיבֶּער גֶעפָארְן אוּן גֶעזֶען ווִי דֶער אִיד זִיצְט דָארְט אוּן לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים מִיט אַ חַיוּת, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק... שְׁפֶּעטֶער הָאט ר' נָתָן פַארְצֵיילְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי דֶער אִיד הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט אַז עֶס רֶעגְנְט, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוּן עֶר קֶען אַבִּיסְל לֶערְנֶען".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען אִים: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט מֶען אִים צוּ פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּת'דִיגֶער שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפד) אַז 'קֶבַע' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'גְזֵלָה', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ"; דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי שְׁאֵלָה, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה' הָאסְט אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען? הָאסְט אַרוֹיס גֶעכַאפְּט פוּן דַיין פַארְנוּמֶענֶעם טָאג אַפָּאר מִינוּט פַאר תּוֹרָה?

אִיךְ קֶען בְּרֶסְלֶב'עֶר אִידְן וָואס ווּאוּ זֵיי גֵייעֶן נֶעמֶען זֵיי מִיט זִיךְ אַ זֶעקֶל סְפָרִים, אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת'ל, אַ גְּמָרָא, אַ תְּהִלִּים'ל; אוּן וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַפָּאר מִינוּט וָואס זֵיי הָאבְּן פַאר זִיךְ, כַאפְּן זֵיי אַרַיין אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אָדֶער אַ דַף גְּמָרָא וְכַדוֹמֶה. אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד פַארְבְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין צַייט נָאר עֶר פִילְט אָן דֶעם טָאג מִיט גוּטְס.

דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע כַּוָונָה מִיט דִי יְשִׁיבָה; אַרַיין לֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים אַהֲבַת הַתּוֹרָה. זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז אַן אַרְבֶּעטֶער, מֶען אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט – דָאךְ קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן זַיין דָבוּק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בְּלַייבְּט אֵייבִּיג מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָאז אָפּ יֶענֶעם

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ח:) "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶם שׁוֹנִים, כַּךְ דֵעוֹתֵיהֶם שׁוֹנוֹת" - אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶער גֶעשְׁטַאלְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ; דִי זֶעלְבֶּע הָאט אוֹיךְ יֶעדֶער אַנְדֶערֶע דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת אוּן עֶר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

דָאס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן חִילוּקֵי דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ אַ זַאךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת. דָאס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיךְ קְרִיגְן צוּלִיבּ דֶעם, אוּן דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן אַרוֹיפְצוּצְווִינְגֶען זַיין פַארְשְׁטַאנְד אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז יֶענֶער זָאל מוּזְן הַאלְטְן אַזוֹי וִוי אִים.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ הָאבְּן זַיין אֵייגֶענֶע מֵיינוּנְג, אוֹיבּ אָבֶּער זַיין חַבֶר פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ פוּן אִים, דַאן דַארְף מֶען נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן יֶענֶעם צוּלִיבּ דֶעם. מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דָאס אִיז דַיין מֵיינוּנְג אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מֵיינוּנְג. יֶעדֶער קֶען זִיךְ הַאלְטְן בַּיי זַיינְס, אוּן נָאכְאַלֶץ קֶען מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ד') "אֵיזֶהוּ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם? זוֹהִי מַחְלוֹקֶת שַׁמַּאי וְהִלֵּל, אֵיזֶהוּ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם? זוֹהִי מַחְלוֹקֶת קֹרַח וַעֲדָתוֹ" - דִי מַחְלוֹקֶת פוּן שַׁמַּאי אוּן הִלֵּל אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אַ מַחְלוֹקֶת פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, אוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דָאס אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אַ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם.

שַׁמַּאי אוּן הִלֵּל הָאבְּן זִיךְ אַסַאךְ גֶעקְרִיגְט, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר שַׁארְף גֶעהַאלְטְן אֵיינֶער קֶעגְן דֶעם צְוֵוייטְן. אַ זַאךְ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעהַאלְטְן אַז סְ'אִיז מוּתָּר אוּן מֶען מֶעג דָאס טוּן, הָאט דֶער צְוֵוייטֶער גֶעהַאלְטְן אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז אָסוּר, אוּן מֶען דֶערְצֶערְנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס. קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ מוֹדֶה זַיין צוּם צְוֵוייטְן. פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז דִי מַחְלוֹקֶת גֶעוֶוען נָאר וֶועגְן דִי הֲלָכָה זַאךְ, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם פֶּערְזֶענְלִיכְן לֶעבְּן הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. דִי גְּמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ט"ו.) אַז אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אִין הֲלָכָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם.

דָאס מֵיינְט אַ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם. יֶעדֶער הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיי זַיינְס, לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶר הַאלְט אַז דִי הֲלָכָה אִיז, אוּן עֶר אִיז בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט מַסְכִּים צוּ וָואס דֶער אַנְדֶערֶער זָאגְט. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבְּן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער לִיבּ, אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ צוּ זַיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

בַּיי קֹרַח אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ. קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פֶּערְזֶענְלִיךְ פַּיינְט גֶעהַאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים. חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כ"ז:) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט צוּ אַ צְוֵוייטְן

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַ שָׁאד זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; קוּק וִוי מִיר הַאלְט שׁוֹין, מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל בַּיי: "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען פָאלְגְט וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - מֶען נֶעמְט אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג אוּן מֶען הֵייבְּט אָן אָנְהֵייבּ וָואךְ, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה, בִּיז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן עֶנְדִיגְט מֶען אַ גַאנְצֶע סֵדֶר. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר נֶעם אוֹיךְ אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; הֵייבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען עֶס שְׁפִּירְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פַארְקֶערְט - אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, הָאט מֶען הַצְלָחָה".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תש"פ)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## דוּ זָאלְסְט מַאכְן טֶערֶעפִּי מִיטְ'ן טֶערֶעפִּיסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט נֶעכְטְן בַּיי דִי חֲתוּנָה אִין בְּנֵי בְּרַק אַז אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו גְלַייךְ וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים, וֶועל אִיךְ עֶס יֶעצְט מְקַיֵּים זַיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת; נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר; וִוי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, וִוי מֶער מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען מֶער זִיכֶער בַּיי זִיךְ, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ מִיט גֶעוֵויינְט מִיט דִיר נֶעכְטְן בַּיי דִי חֲתוּנָה אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַזַא שְׁוֶוערֶע צַייט, דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן זִיךְ גֶט'ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. דוּ בִּיסְט נָאךְ אַזוֹי יוּנְג, דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, דוּ וֶוערְסְט צֶערִיסְן פוּן דֶעם, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי עֶס אִיז דִיר טוּנְקְל גֶעוָוארְן דַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

אָבֶער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן וִוי דוּ רֶעדְסְט מִיט אִים, עֶר וֶועט דִיר וַוייטֶער גֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן. דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען אַ גֶעהָאלְפֶענֶער.

אַז דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר אוּן מְחַנְכִים עֲקְשְׁנ'עְן זִיךְ מִיט דִיר אַז דוּ דַארְפְסְט גֵיין צוּ אַ מְטַפֵּל רִגְשִׁי וְכוּ', זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט פֵיין, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס. אַז מֶען צְוִוינְגְט דִיר מַמָּשׁ צוּ גֵיין רֶעדְן מִיט אַ טֶערֶעפִּיסְט זָאלְסְטוּ גֵיין אוּן דוּ זָאלְסְט מַאכְן טֶערֶעפִּי מִיטְ'ן טֶערֶעפִּיסְט, זָאלְסְט זִיךְ מְטַפֵּל זַיין מִיטְ'ן מְטַפֵּל, דֶערְצֵייל אִים דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז וֶוען מְ'הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאן וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אוּן עֶס פַאלְן אַוֶועק אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶעצְוְוּינְגֶען צוּ גֵיין רֶעדְן מִיט אַ מְטַפֵּל אוּן עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט "הֲרֵי זֶה בָּא לְלַמֵּד", יֶענֶער הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם בָּחוּר, אָבֶער "וְנִמְצָא לָמֵד", דֶער מְטַפֵּל הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּם בָּחוּר'ל אוּן גֶעשְׁלִינְגֶען מִיט דָארְשְׁט יֶעדֶעס וָוארְט.

פָאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ. אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, אִיךְ וַוייז דִיר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דוּ וֶועסְט דָאס זָאגְן יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט אָנְהֵייבְּן אַלֵיינְס צוּ רֶעדְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אַרִיבֶּער טְרָאגְן; מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵיין זִיךְ גֶט'ן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מַיין לֶעבְּן גֵייט זִיךְ עֶנְדִיגְן. אִיךְ וִויל הָאבְּן עֶלְטֶערְן וָואס לֶעבְּן צוּזַאמֶען, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס רִירְט מִיר אָן מַיינֶע נֶערְוְון, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס; הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין צָרָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! דוּ בִּיסְט דֶער כֹּל יָכוֹל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק וִוי אַייזְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן דָאס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער. אוּנְזֶער גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁנִיטְן, הֶעלְף אוּנְז בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין נָאךְ יוּנְג, מַיין מֹחַ קֶען עֶס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! תְּפִלָּה אִיז מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע הָאפֶענוּנְג, בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, גֶעבּ מִיר שְׁטַארְקֵייט אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען שְׁטַארְקְן אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַנְדֶערֶע צָרוֹת, זֵיי שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה. גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל דִיר דִינֶען בְּשִׂמְחָה, אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע אִין הִימְל הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף אַלֶע אִידְן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְלוֹירְן, שִׁיק אוּנְז שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה אָמֵן".

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תש"פ)

>>>>>>

דְרֵיי טֶעג צוּלִיבּ פַּיינְטְשַׁאפְט, דַאן וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן זַיין "שׂוֹנֵא", עֶר הָאט יֶענֶעם פַּיינְט. אוּן דָאס זֶעעֶן מִיר בַּיי קֹרַח אוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן זֵיי הָאבְּן אִים פַּיינְט גֶעהַאט.

דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז אַ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם, מֶען מֶעג הַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ צְוֵוייטְן, אוֹיבּ אָבֶער צוּלִיבּ דֶעם הָאט מֶען יֶענֶעם פַּיינְט, דַאן אִיז דָאס זֵייעֶר נִישְׁט קַיין גוּטֶע סִימָן. דָאס וַוייזְט אַז מֶען זוּכְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט וַוייל מֶען הַאלְט אַנְדֶערְשׁ וִוי יֶענֶעם, וַוייל אוֹיבּ יָא וָואלְט מֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ דוּרְכְגֶערֶעדְט מִיט יֶענֶעם. מִיט דֶעם וָואס מֶען וַוייזְט אַרוֹיס פַּיינְטְשַׁאפְט, צַייגְט דָאס אַז מֶען אִיז פָּשׁוּט מְקַנֵּא יֶענֶעם אוּן דֶערִיבֶּער הָאט מֶען יֶענֶעם פַּיינְט.

מִיט דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְצֵייגְן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר פִירְט אַ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם אָדֶער נִישְׁט. אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דִי מַחְלוֹקֶת וָואס עֶר פִירְט אִיז זִיכֶער בְּלוֹיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, יֶענֶער טוּט דָאךְ מַמָּשׁ קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן מֶען דַארְף יֶענֶעם אוֹיסְרַייסְן. מֶען דַארְף אָבֶער גוּט אַרַיינְקוּקְן אוּן זֶען אוֹיבּ מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם בְּלוֹיז מִיט דִי הֲלָכָה, אוּן עֶס שְׁטֶערְט בְּלוֹיז דָאס וָואס יֶענֶער הַאלְט אַנְדֶערְשׁ וִוי אִים אִין דִי הֲלָכָה, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּ יֶענֶעם מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר יֶענֶעם נִישְׁט פַּיינְט; דַאן אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר מֵיינְט עֶס טַאקֶע אֱמֶת'דִיג. אוֹיבּ אָבֶער עֶר הָאט יָא פַּיינְט יֶענֶעם פֶּערְזֶענְלִיךְ, עֶר וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט יֶענֶעם אוּן עֶר וִויל נִישְׁט רֶעדְן צוּ יֶענֶעם, דַאן קֶען דָאס צֵייגְן אַז מֶען מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק לְשֵׁם שָׁמַיִם. עֶס קֶען שְׁטַארְק מֶעגְלִיךְ זַיין אַז טִיף אִין הַארְצְן הָאט מֶען פָּשׁוּט אַ קִנְאָה אוּן אַ שִׂנְאָה אוֹיף יֶענֶעם, אוּן דֶער גַאנְצֶער לְשֵׁם שָׁמַיִם נוּצְט מֶען נָאר פַאר אַ תֵּירוּץ.

### פַארְוָואס זִיךְ קְרִיגְן?

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען אַמֶערִיקֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִי לְבָנָה, הָאט מֶען אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט יֶענֶעם, וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אוּן מִיטְגֶעלֶעבְּט דָארְטְן אוֹיף דִי לְבָנָה. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְט, קוּקְנְדִיג אַרָאפּ פוּן דִי לְבָנָה.

וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי פְרַאגֶע הָאט עֶר זִיךְ צוּלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶעקוּקְט פוּן אוֹיבְּן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְטְל וִוי אַ קְלֵיינֶע בָּאלִי. אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם קְלֵיינֶעם בָּאלִי גֶעפִינֶען זִיךְ בִּילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם צְווִישְׁן זִיךְ, זֵיי פִירְן גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אוּן הַרְגִ'עְנֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וִוי זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אוֹיף אֵיין קְלֵיינֶעם בָּאלִי".

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לִימוּד. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיינֶע מַחְלוֹקֶת'ן, עֶר דַארְף זִיךְ קְרִיגְן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, דַאן קֶען עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן גְלַייךְ, זַיין גַאנְצֶער מֹחַ לִיגְט נָאר אִין דֶעם וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט יֶענֶעם אוּן יֶענֶעם אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהוֹיבְּט זִיךְ אָבֶער אַבִּיסְל הֶעכֶער, עֶר קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט פוּן אוֹיבְּן אַרָאפּ, דַאן פַארְשְׁטֵייט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן אַזוֹיפִיל.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, קוּקְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען בְּלוֹיז מִיט זִיךְ, עֶר זוּכְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי יֶענֶעם צוּ פַארְבֶּעסֶערְן, אוּן עֶר זוּכְט נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, עֶר לֶעבְּט זִיךְ אִין זַיין אֵייגְן וֶועלְטְל בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט דַוְקָא יָא אַרַיינְצוּשְׁטֶעקְן זַיין נָאז בַּיי יֶענֶעם, צוּ זַיין פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַ צְוֵוייטְן, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן אַן עֵצָה אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז דֶער צְוֵוייטֶער עֶקְזִיסְטִירְט בִּכְלַל.

דֶער מִדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פח, א) אַז וֶוען פּוֹטִיפַר'ס וַוייבּ הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף יוֹסֵף אוּן מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין טוּרְמֶע, הָאט גַאנְץ מִצְרַיִם גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן מֶען אִיז נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּן יוֹסֵף. דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן דֶעם שַׂר הָאוֹפִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הַרְגִ'עְנֶען פַּרְעֹה, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף. אוּן אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס אֵייבִּיג וֶוען מֶען וִויל זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אוּמְשׁוּלְדִיג, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן אוּן מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ. אֵיינֶער הָאט גֶע'מַסְרְ'ט אַז דִי גֶעבֵּיידֶע פוּן דִי בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן דִי יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט גֶעוָוארְן לְעגַאל, אוּן מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְפָּארְשְׁן. אֵיין טָאג הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּקְט אִין שׁוּל עֶטְלִיכֶע פָּאלִיצֵייאִישֶׁע אוֹיסְפָארְשֶׁער מִיטְ'ן צִיל אוּנְטֶערְצוּזוּכְן דֶעם גַאנְצְן בִּנְיָן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז דָארְט לְעגַאל. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּפָארְשְׁן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִים אוֹיסְפְרֶעגְן אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת אוּן חֲקִירוֹת. אִינְצְווִישְׁן הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיי בַּאמֶערְקְט פוּן דִי פֶענְסְטֶער אַז אַ פָּאלִיצֵיי קַאר הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶר גֶעבְּט אַ טִיקֶעט פַאר זֵייעֶר קַאר וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעפַּארְקְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. זֵייעֶר קַאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּאצֵייכְנְטֶע פָּאלִיצֵיי קַאר.

זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ זָאגְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי אִינְדְרוֹיסְן וֶוער זֵיי זֶענֶען אַז מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעט. זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אוֹיסְפָּארְשֶׁער אוּן זֵיי אַרְבֶּעטְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי דֶעפַּארְטְמֶענְט, אוּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעט. עֶס הָאט זֵיי אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. דֶער פָּאלִיצִיַאנְט אִינְדְרוֹיסְן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם טִיקֶעט אוּן זֵיי עֶס גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז

<<<<<<

>>>>>>
זִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער.

דִי אוֹיסְפָּארְשֶׁער זֶענֶען צוּרִיק אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה, מוֹהֲרָא"ש אִיז גְלַייךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי אוּן זֵיי גֶעגֶעבְן גֶערֶעכְט, אַז דֶער פָּאלִיצְיַאנְט הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעהַאט קַיין רֶעכְט זֵיי צוּ גֶעבְן אַ טִיקֶעט, זֵיי אַרְבֶּעטְן דָאךְ אוֹיךְ פַאר דִי פָּאלִיצֵיי, אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ הֶעכֶער אִין רַאנְג פוּן דֶעם פָּשׁוּט'ן פָּאלִיצְיַאנְט וועלְכֶער גֵייט אַרוּם אִין דִי גַאסְן, אוּן אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"ש זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאר זֵיי, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זָאלְן שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין אִין גֶערִיכְט אוּן קְלָאגְן דֶעם פָּאלִיצְיַאנְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶע חוּצְפָּה...

דִי אוֹיסְפָּארְשֶׁער הָאבְן זֵייעֶר עֶרְנְסְט גֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, זֵיי הָאבְן שׁוֹין גֶעוָואלְט לוֹיפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצְיַאנְט צוּ זֶען וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען אִים צוּ קֶענֶען קְלָאגְן אִין גֶערִיכְט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵיי דַאן גֶעגֶעבְן אַ פְרֶעג וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן מִיט דִי גֶעבֵּיידֶע, אוֹיבּ אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג... הָאבְן זֵיי גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אַלֶעס אִיז וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין... זֵיי הָאבְן גְלַייךְ אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְן אַלֶע פַּאפִּירְן אַז זֵיי הָאבְן גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז גוּט אוּן פֵיין... אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצְיַאנְט...

וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט פַארְ'ן עוֹלָם: "יֶעצְט הָאט אִיר גֶעזֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן דָאס וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ אַלֶעמָאל. אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט זִיךְ אָנְצוּלֵייגְן אוּן צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר גְלַייךְ וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר וֶועט מוּזְן אָפְּלָאזְן יֶענֶעם".

דָאס דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר זָאל אַלֶעמָאל פְּרוּבִירְן זִיךְ אַלֵיין צוּ פַארְבֶּעסֶערְן. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ אַ צְוֵוייטְן, זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶענֶעם, אוּן נִישְׁט הָאבְן צוּטוּן מִיט אַ צְוֵוייטְן.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן "צֶמַח צֶדֶק" זי"ע אוּן הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוְוענֶען. וֶוען דֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר קוּמְט אִין שׁוּל, טְשֶׁעפֶּעט אִים יֶעדֶער אֵיינֶער, יֶעדֶער טְרֶעט אוֹיף אִים, אוּן עֶר קֶען דָאס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: "וֶוער הֵייסְט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְלֵייגְן אִיבֶּערְ'ן גַאנְצְן שׁוּל אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט, אוּן אַזוֹי וֶועט יֶעדֶער מוּזְן טְרֶעטְן אוֹיף דִיר? דוּ שְׁטֵיי אִין דַיין וִוינְקְל, אוּן דַאן וֶועט בְּלַייבְּן גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדְן, אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף דִיר"...

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס זִיצְט אַיין אִין זַיין וִוינְקְל, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְן צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש ח"ו עֶרֶךְ חִלּוּקֵי דֵעוֹת, וח"ז עֶרֶךְ בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק מ"ח מִכְתָּב ח'תתי"א)

>>>>>>
**נאכ'ן בענטשן** האט מען זיך וויטער ארויסגעלאזט אין פריידיגע טענץ פאר עטליכע שעה, מען האט געטאנצן אין זיך געפריידט ביז אין די פריע פארטאגס שעה'ן.

די פילע הונדערטער אידן וואס האבן מיטגעהאלטן דעם שבת, זאלן אלע פה אחד אז דער שבת האט אויף זיי איבערגעלאזט געוואלדיגע אפדרוקן וואס זיי וועלן קיינמאל נישט פארגעסן, די פילע התחזקות און התעוררות מיט וואס מ'האט זיך אנגעזאפט אין לויף פונעם שבת, געבט זיי פרישע כוחות אנצוהייבן מיט א פרישקייט אנצוגיין אין לעבן און זיך שטארקן צו דינען דעם אייבערשטן מיט געשמאק.
**פקודי ה' ישרים משמחי לב!**

***

## סעודת הילולא פון הייליגן רבי נתן אין ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב אין מאנסי

גאר א גרויסער ציבור פון מאנסי און ארום האבן זיך פארזאמלט דעם מאנטאג נאכט, ערב עשרה בטבת, צו פראווען די יארצייט פון רבי נתן זצוק"ל, דער גרויסער תלמיד פון הייליגן רבי'ן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער דעם וואס דער רבי האט געזאגט אז ווען נישט רבי נתן וואלט גארנישט געבליבן פון הייליגן רבי'ן, דער ראש ישיבה האט דערציילט דעם גאנצן סיפור ווי אזוי דער הייליגער רבי נתן איז נתקרב געווארן צום הייליגן רבי'ן, וויאזוי ער האט זיך גע'חלומ'ט ווי איינער זאגט אים "דראפע זיך און דערהאלט זיך", און דערנאך ווען ער איז אנגעקומען צום רבי'ן האט ער געזען אז דאס איז געווען דער הייליגער רבי. און וואס האט אים בעיקר געכאפט פון הייליגן רבי'ן איז געווען ווען דער רבי האט אים געזאגט "נתן, און ווייטער איז גוט אז מ'רעדט זיך אויס צום אייבערשטן אזוי ווי מ'רעדט זיך אויס צו א גוטער חבר". האט רבי נתן דעמאלט געזאגט "דאן האב איך פארשטאנען איך האב שוין א וועג אין לעבן, ווייל וואס וועט נאר אויף מיר אריבערגיין וועל איך אלעס דערציילן פאר'ן אייבערשטן".

דער ראש ישיבה שליט"א האט שטארק מחזק געווען דעם ציבור צו נוצן די עצה פון התבודדות, רעדן און דערציילן פאר'ן אייבערשטן אלעס וואס גייט אויף אונז דורך, און אויב מ'וועט נישט נאכלאזן, אפילו ווען מ'שפירט גארנישט, וועט מען צום סוף זען גרויסע זאכן, און מען וועט באקומען גרויסע ישועות.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א שטארק ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון לערנען א בלאט גמרא יעדן טאג. און וואס די גרויסע צדיקים האבן געזאגט דערויף "א בלאט גמרא איז דער אייבערשטער", און מחזק געווען דעם ציבור אז מ'זאל זען יעצט אנצוהייבן צו לערנען דעם בלאט גמרא.

דאן האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון די געוואלדיגע מתנה וואס דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן דעם "סדר דרך הלימוד", וואס א דאנק דעם קען יעדער איד וויאזוי ער זעט נאר אויס און אין וועלכע מצב ער איז נאר, זוכה זיין דורכצוגיין כל התורה כולה.

דער ראש ישיבה האט דאן ארויסגעברענגט אז אסאך מאל זעט מען אז ווי נאר א בחור'ל - וואס האט קיינמאל פארדעם נישט געעפנט א אידיש ספר - כאפט זיך צו צום רבינ'ס סדר דרך הלימוד, וועלן אלץ זיין "גוטע אידן" וואס וועלן זיכער מאכן אים צו דרייען א קאפ "ס'הייסט יא געלערנט, ס'הייסט נישט געלערנט...", האט דער ראש ישיבה געפרעגט "זיצן ליידיג הייסט געלערנט?! רעדן פאליטיק און ווערן משוגע פאר ליידיגגיין הייסט געלערנט?! וואו ביסטו געווען ווען ער האט קיין אידיש ספר נישט געעפנט?!"

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מוהרא"ש פלעגט זאגן אז אנשי שלומינו פלעגן זיך פירן אז ביים יארצייט פון רבי נתן האט מען געמאכט אן אפיעל מען זאל העלפן דרוקן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מוהרא"ש'ס ספרים און קונטרסים זענען צוזאם גענומען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים און פון זיינע תלמידים. "מען זעט גרויסע ישועות" - האט דער ראש ישיבה געזאגט - "ווען מענטשן זענען מנדב צו דרוקן די הייליגע בריוון וואס ברענגען צוריק אידן צום אייבערשטן".

די קרן הדפסה האט דארט אויפן פלאץ געמאכט א גרויסע אויספארקויף פון ספרים און אויך געגעבן די געלעגנהייט אפצוקויפן געוואלדיגע זכותים פון דרוקן און פארשפרייטן די הייליגע ספרים.
**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקנו!**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכָה צוּ מַיין חֲתוּנָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דָא שְׁרַייבְּט אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס הֶערְט אוֹיס אַלֶע שִׁיעוּרִים, אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' אַ חָתָן גֶעוָוארְן, מַיין חֲתוּנָה אִיז אִין צְוֵויי חֳדָשִׁים אַרוּם, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בַּאקוּמֶען הַדְרָכוֹת וִוי אַזוֹי צוּ צוּצוּגֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; אוֹיבּ עֶפֶּעס טוּט וֵויי דַארְף מֶען זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט, אָדֶער אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּנֶעם צְוֵוייטְן צוּ רֶעדְן אִיז דָאס אַ חִסָרוֹן אִין שָׁלוֹם בַּיִת.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט קוּמֶען צוּ אִים אָן אַ וַוייבּ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל הַאלְטְן חָשׁוּב דִי וַוייבּ, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן רסד) אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּידָה וְהַגִּידוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם, בְּכַמָּה אוֹפַנִּים הַקָּשִׁים וּכְבֵדִים מְאֹד מְאֹד וְכוּ' וְכוּ'", דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יִסוּרִים אוּן אַסַאךְ צַעַר; צַעַר הָעִיבּוּר, צַעַר הַלֵידָה אוּן צַעַר פוּן מְגַדֵל זַיין דִי קִינְדֶער וְכוּ'.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט צוּ דִי חֲתוּנָה, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ; זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין אוּן אִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט אִיר; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן: "מִיט אַ וַוייבּ טַעֲנָה'ט מֶען נִישְׁט אַ וַוייבּ אִיז אַלְץ גֶערֶעכְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זוּכְן וִוי דוּ קֶענְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין וַוייבּ, אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי וֶועט זִי טוּן שְׁטֶענְדִיג דַיין ווִילְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): "אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כְּלִי", אַ פְרוֹי וֶוערְט אֵיינְס מִיטְ'ן מַאן נָאר אוֹיבּ עֶר מַאכְט עֶר פַאר אַ כֵּלִי; וִוי מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז אוֹיבּ מֶען בּוֹיט אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען מַאכְט אִיר פַאר אַ גַאנְצֶע כֵּלִי, מֶען הֵייבְּט אִיר אוֹיף מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער: "דוּ קֶענְסְט יָא", "דוּ בִּיסְט יָא", "דוּ בִּיסְט מַיין לֶעבְּן", וְכוּ' וְכוּ' וֶוערְט זִי אַ גֶעבּוֹיטֶע כֵּלִי אוּן זִי וֶועט וֶוערְן אֵיינְס מִיט דִיר, עֶנְקֶער שְׁטוּבּ וֶועט זַיין אַ מִשְׁכָּן, אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִגַּשׁ תש"פ)

BreslevCenter.com\answers



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אומבאשרייבליכע "שבת סיום הש"ס" לאזט איבער געוואלדיגע רושם אויף די הונדערטער באטייליגטע

די פענע איז צו ארעם, און די שפראך איז צו קורץ, צו קענען ארויסברענגען דעם שיינעם שבת קודש וואס איז אריבער אויף די פילע הונדערטער אנשי שלומינו מיט זייערע משפחות אינעם פראכפולן קראון פלאזא האטעל אין סטעמפארד קאנעטיקוט, וועלכע זענען זיך געקומען פרייען אינאיינעם בשמחת התורה, ווען די גאנצע קהלה, סיי די טייערע בחורים, די אינגעלייט, און די בעלי בתים, האבן אלע אינאיינעם זוכה געווען דורכצוגיין במשך די לעצטע זיבן-און-א-האלב יאר יעדן טאג, טאג איין טאג אויס איין בלאט פון ש"ס, און יעצט זוכה געווען צו מסיים זיין גאנץ תלמוד בבלי.

עס איז נישט מעגליך אראפצושרייבן די געפילן פון די באטייליגטע ביים שבת, מיר וועלן אבער פרובירן זיך צו קאנצענטרירן אויפ'ן סדר השבת, וואס איז אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט און געשמאק ברוחניות ובגשמיות.

במשך **פרייטאג נאכמיטאג** איז דער עולם געקומען צו פארן און זיך צוגעגרייט און מסדר געווען צום שבת, א ברייטע טועמיה איז געווען צוגעשטעלט מיט גרויס הרחבה.

**פרייטאג צונאכטס** האט מען זיך געשטעלט דאווענען מנחה און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א אויפגעטרעטן פאר קבלת שבת. דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון דעם שבת אז א גרויסער עולם האט מסיים געווען ש"ס, און דער גאנצער עולם הייבט יעצט אן ש"ס. ווי אויך האט ער ארויסגעברענגט די חשיבות פון די פילע עלטערן פון די בחורים און אינגעלייט וואס זענען געקומען זיך באטייליגען מיט די שמחה פון זייערע קינדער וואס ענדיגן ש"ס, ווי שיין דאס איז ווען עלטערן פארשטייען די מעלה פון די קינדער וואס האבן געטראפן א פלאץ וואס ברענגט זיי נענטער צום אייבערשטן, און וואו זיי שטייגן אין עבודת ה', און די עלטערן שעצן דאס און זענען מחזק די קינדער.

בשעת'ן דאווענען איז געווען א **שיעור פאר די פרויען** דורך מרת שארף תחי', וואס האט גערעדט פון די גרויסקייט און די חשיבות וואס די פרויען האבן בשעת'ן ליכט צינדן, וואס דעמאלט איז א מורא'דיגע שעת הכושר פאר א אידישע פרוי צו בעטן אלעס וואס זי דארף ובפרט קען זי דאן בעטן פאר גוטע קינדער. ווי אויך האט זי גערעדט אז מען זאל האלטן חשוב דעם מאן אז ער לערנט יעדן טאג און אים מחזק זיין אויף דעם.

**נאכ'ן דאווענען** איז דער עולם אריבער צו די סעודה אינעם גרויסן עס זאל. אינעם זאל האט אפגעהילכט דער קול פון די זמירות, דער ראש ישיבה שליט"א אינאיינעם מיט'ן גאנצן עולם האבן געזינגען שלום עליכם, און אזוי ווייטער. דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש, און דער עולם האט זיך געוואשן צו די ברייטע סעודה לכבוד שבת קודש.

אום 9:30 איז געווען די **באטע**. נאכ'ן זינגען אינאיינעם די זמירות, האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט א הארציגע דרשה איבער אמונה און תפלה, ער האט אויך ארומגערעדט איבער די לעצטע אנטיסעמיטישע געשעענישן, און אז מען קען נאר בארואיגן זיך און די קינדער מיט'ן חזר'ן אז דער אייבערשטער איז דא, און ער היט אונז.

**שב"ק אינדערפרי** פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א שיעור אינעם ספר פעולת הצדיק און גערעדט איבער די גרויסקייט פון דערציילן שטענדיג מעשיות פון צדיקים, בפרט א מלמד פאר קינדער, און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט באריכות וויאזוי דער הייליגער בעל שם טוב איז געווארן א צדיק און ווען דער הייליגער רבי האט דאס געהערט אלס קליין קינד האט עס אין אים ערוועקט א מורא'דיגע תשוקה צו זיין א צדיק. **נאכ'ן דאווענען** האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט סיפורי מעשיות ביים קידוש, די זיבעטע מעשה פון "די פליג מיט'ן שפין" ווי דער רבי זאגט דארט: "ווילאנג דער בלאט איז מגין אויף דיר דארפסטו נישט מורא האבן פון קיינעם", און ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, וואס דאס באשיצט דעם מענטשן פון אלעס שלעכטס, און האלט אים נאנט צום אייבערשטן. דערנאך האט מען אינאיינעם געגעסן די סעודה.

**שבת נאכמיטאג** פאר מנחה האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט תהלים מיט די קינדער, נאך תהלים האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט די קינדער "ווער האט א מעשה פון תפלה"? און פילע קינדער האבן זיך אויפגעשטעלט איינער נאכ'ן צווייטן און דערציילט זייערע פערזענליכע מעשיות פון תפלה וואס זיי האבן געהאט.

**נאך מנחה** איז געווען שלש סעודות, דער ראש ישיבה שליט"א האט ארום גערעדט אויף די תורה פון רבי'ן אויף די וואכעדיגע פרשה אז א איד דארף זיך אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן און זאגן אז דער אייבערשטער געפונט זיך דאך אין מיר, אן אים קען איך גארנישט טון, און דערפאר בעטן מען דעם אייבערשטן אז ער זאל מקרב זיין דעם איד און אים מאכן ערליך און וואויל.

פאר די פרויען איז געווען א באזונדערע **שלש סעודות** וואו די חשובע מנהלת פון "בית פיגא", מרת לעסער תחי', האט פארגעלערנט פאר די פרויען. זי האט ארויסגעברענגט אז די פרויען זענען די גרעסטע מחותנים ביים סיום ווייל אין זייער זכות קענען די מענער לערנען. און נישט נאר די פרויען, נאר אויך די מיידלעך וואס בעטן דעם אייבערשטן אז זייער צוקופנטיגע מענער זאלן זוכה זיין צו לערנען און ענדיגן ש"ס.

**מוצש"ק** איז די גאנצע עולם ארויס אין פרייליכע ריקודין, דאן האט דער ראש ישיבה געמאכט הבדלה פאר'ן גאנצן ציבור און דערנאך איז געווען אבות ובנים וואו די עלטערן האבן געלערנט מיט די קינדער, און די חשובע מלמדים האבן אויסגעטיילט מתנות פאר די קינדער וואס האבן זיך אויפגעפירט שיין און געדאוונט שיין במשך דעם שבת. און דערנאך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם לעצטן דף אין ש"ס.

דערנאך איז געקומען די צייט פאר'ן גרויסארטיגן **מלוה מלכה אינאיינעם מיט'ן מעמד סיום הש"ס**. אום 9:30 איז געווען נטילת ידים, הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א, דער מנהל פון תלמוד תורה, איז געווען דער יושב ראש, און האט מיט גרויס געניטשאפט אנגעפירט דעם גאנצן מעמד. מען האט געזינגען זמירות, און דערנאך האט **הר"ר אהרן וועבערמאן שליט"א** אויפגעטרעטן, און האט ארויסגעברענגט דעם גרויס הכרת הטוב וואס מיר אלע האבן צום ראש ישיבה, וואס באוויזט אונז איבערצורעדן און איבערצייגן אז מיר קענען יא לערנען יעדן טאג, און מיר קענען יא ענדיגן ש"ס און כל התורה כולה, מיר קענען יא האבן שלום בית, מיר קענען יא אויפציען שיינע ערליכע דורות אויפ'ן וועג פון הייליגן רבי'ן, מיר קענען יא זוכה זיין צו האבן אמונה און רעדן צום אייבערשטן. דערנאך האט **מו"ה דוד לאקס הי"ו** אויפגעטרעטן און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אים, זייענדיג אינעם גראסערי אין דזשערסי סיטי בשעת די רוצחים זענען דארט אריינגעקומען, און ער איז געראטעוועט מיט גרויסע ניסים, און ער איז עס תולה אין דעם זכות וואס ער לערנט יעדן טאג תורה, און ער האט זוכה געווען עטליכע וואך פריער צו מאכן א סיום הש"ס, און גלייכצייטיג האט ער ארויסגעברענגט אז נאר א דאנק די שטארקע אמונה וואס ער האט מקבל געווען פון ראש ישיבה שליט"א האט ער און זיין ווייב געקענט דורכגיין דעם גרויסן טראומע און דארפן באקומען טערעפי.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געמאכט דעם **סיום** מיט'ן פארלערנען דעם לעצטן שטיקל פון ש"ס, און געזאגט קדיש. און גלייך דערנאך האט מען פון פריש אנגעהויבן ש"ס פון אנהויב מסכת ברכות, דורכ'ן חשוב'ן דיין פון די רבני הכולל "היכל הקודש" **הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א**, וואס האט אויך אויפגעטרעטן און ארויסגעברענגט אז "מאמתי קורין את שמע בערבית" האט ער געטייטש "וויאזוי קען מען געדענקען דעם אייבערשטן אפילו ווען עס גייט שווער, "משעה שהכהנים נכנסים", דער צדיק ווערט אנגערופן "כהן", ווען מען גייט צום צדיק, דאן דערמאנט ער דער מענטש צוריק צו גיין צום אייבערשטן, און אנטלויפן נאר צו אים און צו זיין תורה.

דערנאך איז געווען א הערליכע **סלייד פרעזענטאציע**, מען האט געזען פילע פון די צענדליגע סיומי הש"ס פון תלמידי הישיבה במשך די לעצטע יארן, וואס האט געלאזט א מורא'דיגע רושם אויף אלע באטייליגטע, וואס האבן געזען אז יעדער איד אין יעדן מצב קען זוכה זיין צו ענדיגן ש"ס.

דערנאך האט דער **ראש ישיבה שליט"א** אויפגעטרעטן און ארויסגעברענגט די זיסקייט פון די תורה, און אז נאר מיט די תורה קען מען און וועט מען האבן א גוטע לעבן, און מיר קענען נישט גענוג דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן וואס געבט אונז אזויפיל גוטע עצות אין לעבן, ובפרט פאר דעם "סדר דרך הלימוד" מיט וואס יעדער איד אן אויסנאם קען זוכה זיין צו לערנען תורה, מ'דארף זיך נישט מיטפרייען ביים סיום מיט אנדערע אידן וואס האבן געענדיגט, נאר יעדער קען אליין אויך זוכה זיין צו דעם. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט אסאך דברי חיזוק אין פארשידענע ענינים. די דרשה האט איבערגעלאזט א געוואלדיגע רושם אויף די פארזאמלטע, וואס האבן זיך פארגענומען צו לערנען תורה יעדן איינציגסטן טאג אין לעבן.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א **פייערליכן טאנץ** "שישו ושמחו בשמחת התורה", מיט'ן באקאנטן סאטמארן חסידישן זינגער **הר"ר עמרם אקער הי"ו** וואס האט געהויבן דעם ציבור אין די לופטן. מען האט געטאנצן און זיך געפריידט פאר עטליכע מינוט, און דערנאך האט מען זיך צוריק געזעצט אויף די פלעצער.

דאן איז געקומען אן איבערראשונג פאר'ן עולם, מען האט געוויזן א סלייד פרעזענטאציע פון **ר' יוסי גרין הי"ו**, דער מלך המלחינים, וואס האט דערציילט וויאזוי ער האט אנגעהויבן צו לערנען א דאנק די הפצה פון א אינגערמאן וואס האט איבערגעלאזט א קליין קונטרס'ל "סדר דרך הלימוד" וואס ער האט געטראפן אין א שול, וואס האט אים געמוטיגט אנצוהייבן צו לערנען יעדן טאג אביסל גמרא, און זייט דעמאלט, שוין 39 יאר, האט ער נאכנישט פארפעלט קיין איין טאג פון לערנען גמרא, אלעס אין זכות פון דעם קונטרס, און א דאנק דעם האט ער שוין זוכה געווען צו ענדיגן עטליכע מאל ש"ס.

<<<<<<


**על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון**

**מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו - CME**

לכבוד די אלע אידן וואס האבן זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס און אנהויבן ש"ס.

ולזכות רפואה שלמה פאר הילד **אלעזר ליפא בן ליפשא** און הילד **אברהם בן שרה רבקה**, זיי זאלן בקרוב האבן א גענצליכע רפואה בתוך שאר חולי ישראל.

## דו קענסט אויך לערנען

נע, די תורה איז נישט געמאכט פאר מיר, די גמרא איז נישט פאר מיר, איך האב שוין אלעס פרובירט און עס גייט מיר נישט.

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא אויף:

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**2, 2, 5, 11**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**